# א מעשה'לע

גליון י"ג

פרשת שלח תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## לְכָבוֹד
## שַׁבָּת קוֹדֶש

"פִּישׁ פַאר שַׁבָּת!!!" פֵּייְנֶע פִּישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת!!!"

דֶער פִּישׁ סוֹחֵר שְׁטֵייט שׁוֹין צְוֵויי טֶעג אִין אַ צִי אִין פִּישׁ סְטָאר, עֶר זֶעצְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, זַיינֶע פִּיס טוּט אִים וֵויי, אָבֶער עֶר שְׁטֵייט אוּן שְׁרֵייט: "פִּישׁ פַאר שַׁבָּת! וֶוער וִויל קוֹיפְן פֵּיינֶע פִּישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת?" מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוּן מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אוּן דֶער סוֹחֵר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זָאגְן: "לְכָבוֹד שַׁבָּת! לְכָבוֹד שַׁבָּת!"

קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בּוּנָם פוּן פְּשִׁיסְחָא זְכוּתוֹ יָגֵן




פִּישׁ לְכָבוֹד שַׁבָּת!

עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מְקַנֵא דִי סוֹחֲרִים וָואס דֶערְמַאנֶען אַ גַאנְצֶע צַייט דִי הֵיילִיגֶע וָוארְט 'שַׁבָּת', זַיי אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער בִּיז עֶס וֶוערְט דֶער זְמַן, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט שַׁבָּת, וֶוען זַיי קוּמֶען אַהֵיים אוּן זַיי עֶסְן דִי פֵיינֶע סְעוּדָה זָאגְן זַיי 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר שַׁבָּת; אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן, מִיר דַארְפְן נִישְׁט אַרְבֶּעטְן'; פוּן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵייעֶר הֲנָאָה, וַוייל יֶעדֶע מָאל מֶען זָאגְט 'לְכָבוֹד שַׁבָּת' וֶוערְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיפְּ'ן מֶענְטְשׁ"; דֶערִיבֶּער וֶועלְן מִיר אַלֶע קִינְדֶער גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען עֶסְט דִי פֵיינֶע חַלָּה מִיט דִי פֵיינֶע פִישׁ, זוּפּ אוּן פְלֵיישׁ - גֵייעֶן מִיר אַלֶע זָאגְן הוֹיךְ: "לְכָבוֹד שַׁבָּת!"

קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גוּטֶע נַאשׁ וֶועט אִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ זָאגְן: "לְכָבוֹד שַׁבָּת"? אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן: "יָא! אַוַדאי! מִיר גֵייעֶן זָאגְן 'לְכָבוֹד שַׁבָּת' אוֹיף יֶעדֶע נַאשׁ בַּאזוּנְדֶער".

"אוֹיבּ אַזוֹי", זָאגְט דִי טַאטֶע: "קֶען מֶען שׁוֹין אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי נַאשׁ!"

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן זִינְגֶען: "שַׁבָּת, שַׁבָּת עֶסְט מֶען גוּטֶע נַאשׁ, שַׁבָּת שַׁבָּת לֵיי לְלֵיי לְלֵי, שַׁבָּת אִיז שׁוֹין דָא!"

# ספר המידות

## שַׁבָּת - חלק ב'

ד. עַל יְדֵי
שְׁמִירַת שַׁבָּת
מַמְשִׁיךְ עַל
עַצְמוֹ אוֹר שֶׁל
מָשִׁיחַ גַּם עַל
יְדֵי תְּשׁוּבָה.

ד. דוּרְכְ'ן הִיטְן
שַׁבָּת, בְּרֶענְגְט
מֶען אוֹיף
זִיךְ לִיכְטִיגְקֵייט
פוּן מָשִׁיחַ, אוּן
אוֹיךְ דוּרְכְ'ן
תְּשׁוּבָה טוּן אִיז
מֶען זוֹכֶה צוּ
דֶעם.




קול ברסלב

212.444.9191
845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691